# פרשת ויחי

**בס"ד. משיחת אור לכ"ט אלול ה'תש"מ, ערב ר"ה ה'תשמ"א.**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

איינער פון די סיפּורים איז, [וואס איז שוין אויך געדרוקט[1]], און פארבונדן נאך מיט די קינדערשע יארן פון צמח צדק, ווען ער איז נאך געגאנגען אין חדר און נאך געלערנט מיט א מלמד בן חמש למקרא, (חומש מיט) תּורה שבעל פּה, אנהויבנדיק פון חומש.

און ס'איז געווען ער האט געלערנט מיט אים "ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה"[2], געלערנט מיט אים דעם פּסוק, אז יעקב זייענדיק אין ארץ מצרים איז ער דארט געווען זיבעצן יאר,

און ער האט אים אפּגעטייטשט אויך, אז "ויחי יעקב", אז ער האט דארט געלעבט. ניט נאר סתּם געווען דארטן, נאר ער האט דארטן געלעבט.

נשיא דורינוּ האט דערציילט: בשעת דער צמח צדק, אלס א קינד ווען מ'לערנט נאך "מקרא", אין חדר, איז געקומען צום אלטן רבי'ן, [וואס ביי אים האט ער זיך דאך געהאדעוועט, כּידוּע פּרטי הדברים], האט ער געפרעגט ביי דעם אלטן רבי'ן: ווי קען דאס זיין, אז יעקב, וואס ער איז געווען דער "בחיר שבאבות"[3], דער אויסגעקליבענער פון צווישן די אבות, פון אברהם יצחק ויעקב, און ארץ מצרים איז געווען א "מקולקלת שבאומות"[4], "ערות הארץ"[5], אן ארט, א לאנד וואס דארט איז געווען די הנהגה גאר ניט-מענטשלעך, גאר ניט ווי ס'דארף צו זיין, און מ'זאגט, אז בשעת יעקב איז געווען אין ארץ מצרים, איז ניט דאס איז ביי אים געווען א מאטערניש, נאר ס'איז געווען "ויחי יעקב בארץ מצרים"!

האט אים דער אלטער רבי געענטפערט, אז איידער יעקב איז אהינצוּ געקומען, האט ער אהינצוּ געשיקט "ואת יהודה שלח לפניו להורות לפניו גושנה"[6]: ער האט געשיקט אהינצוּ מ'זאל דארטן מאכן אן ארט – א מוסד, א בית – וואס מ'זאל לערנען תּורה, און וואס דאס ווערט אנגערופן "גושנה", פון לשון "גש", ווערן נענטער, צוגיין נענטער, אז דורך דערויף ווערט מען נענטער צוּ דעם אויבערשטן.

1) "היום יום" – ח"י טבת.

2) ריש פרשת ויחי.

3) בראשית-רבה פע"ו, א; שעה"פ להאריז"ל תולדות כז, כה.

4) ביצה דף כה ע"ב.

5) פ' מקץ פרק יב פסוק ט; פסוק יב. וראה קהלת-רבה פ"א, ד (בסופו).

6) פ' ויגש פרק מו, פסוק כח, ובפרש"י שם.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויחי

בשעת מ׳גרייט אין אזא אופן צו, און דערנאך לערנט מען תורה, און דורך דערויף ווערט מען אלץ מערער נענטער און נענטער מיטן אויבערשטן — צום אויבערשטן און מיטן אויבערשטן — איז אט דעמאלט איז "ויחי יעקב": אין דערויף באשטייט דער לעבן אפילו פון "בחיר שבאבות".

וואס צוליב וואס דערציילט מען א סיפור, און מ׳דרוקט דאס אפ, און מ׳שטעלט דאס אריין אין אן אופן, אז מ׳זאל דאס פון צייט-צו-צייט ניט נאר לייענען, נאר אויך לערנען און ארויסנעמען דערפון וואס מ׳דארף דערפון ארויסנעמען.

איז דאך איינע פון די זאכן וואס איז זעלבסט-פארשטענדליך: צום אלעם ערשטן — ווי אזוי מ׳דארף האדעווען א קינד. ווי אזוי מ׳דארף ערציען א אידישן אינגעלע, דערפון אויך פארשטאנדיק בנוגע צו א אידישע מיידעלע.

צום אלעם ערשטן דארף מען זיי אזוי ערציען, אז בשעת ער לערנט אן ענין פון תורה — קאכט ער זיך אין דעם און וויל דאס פארשטיין, און זוכט א תירוץ אויב ס׳איז דא א זאך וואס ער האט דאס ניט פארשטאנען.

ביז וואנענט, אז כאטש אפילו דאס איז געווען זיין זיידע; ניט א חבר, ניט דער מלמד, ניט דער פאטער, און וואס דער צמח צדק האט דעמאלט געזען ווי אזוי מ׳האט זיך באצויגן צו דעם אלטן רבי׳ן — דעם גרעסטן יחס כבוד ורוממות וואס דער אלטער רבי האט געהאט,

איז בשעת אים האט געהארט אן ענין וואס ער האט ניט פארשטאנען אין חומש — האט ער זיך פאר קיין זאך ניט אפגעשטעלט ביז וואנענט אויף צו געפינען, אז מ׳זאל אים פארענטפערן ער זאל פארשטיין וואס ס׳שטייט אין חומש.

און דאס לערנט אויך ווי אזוי ס׳דארף זיין די באציאונג אפילו פון אזא וואס ער איז ווי דער אלטער רבי איז געווען אין יענע צייטן,

וואס ער איז געווען א נשמה חדשה, און געווען א מנהיג ביי אידן, און האט געהאט טויזנטער צענדליקער טויזנטער חסידים וואס פלעגן קומען צו אים און הערן ענינים פון רזי-תורה, אדער ענינים פאר שווערע ענינים אין תורה, תורת הנגלה וואס ער דארף זיי פארענטפערן און ביי אים האבן זיי געזוכט אן ענטפער אויף דעם,

און ס׳קומט צוגיין אן אינגעלע פון פינף יאר — פיר יאר, פינף יאר — האט ער דאך אים לכאורה געדארפט צום אלעם ערשטן זאגן: בשעת ער וועט קומען מארגן צום מלמד, וועט זיכער אים דער מלמד



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויחי

פארענטפערן. אדער אפילו ניט ווענדיק אפלייגן אויף מארגן – איז געווען כמה מענטשן וואס זיינען דארטן געווען צווישן ארום דעם אלטן רבי'ן.

אף על פי כן האט ער אפגעלייגט אלע זיינע ענינים, פארענטפערן דעם קינד אין אזוינע אותיות, אז דאס זאל זיך בײַ אים אפלייגן, און אפלייגן דאס בײַ אים "תשים לפניהם – כשולחן ערוך לפניהם"[7], אז ער וועט דאס אינגאנצן פארשטיין מיט זיין שכל, טאקע פון דעם צמח צדק, אבער ווי ער איז אלט ניט מער ווי פיר-פינף יאר.

האט מען איצטער אין דערויף א קלארע אנווייזונג:

א איד גיט זיך א כאפ, אז די נשמה איז "חלק אלוקה ממעל ממש"[8], און זי געפינט זיך אין "משכא דחויא"[9] – אנגעטאן טונקעלע שפאקולן! ארומגענומען מיט עשר פרסאות, צען קאלדרעס! און בלשון פון רש"י "מאיגרא רמה לבירא עמיקתא"[10]:

מ'געפינט זיך אין ארץ מצרים, מיצרים וגבולים.

ווי אזוי וועט ער וויסן ווי אזוי מיט יעדער זאך און אין יעדער זאך ארויסגעפינען די ליכטיקייט און וואס צוליב וואס מ'דארף האבן אים, צוליב וואס מ'דארף האבן די זאך? – ווערט דאס דורך לימוד התורה.

און אט דעמאלט, זייענדיק אין ארץ מצרים – איז "ויחי יעקב", לעבט ער דעמאלט, און לעבט דעמאלט ניט סתם; ער לעבט ווי א "יעקב" לעבט!

———— • ————

7) ריש פרשת משפטים, ובפרש"י.

8) תניא ריש פרק ב' (ע"פ איוב לא,ב).

9) ראה תקוני-זהר בהקדמה (יו"ד סע"ב); תניא פל"א (בשם הזהר); ריש פמ"ז; ס' החקירה להצ"צ סח, ב.

10) ע"פ ל' חז"ל – חגיגה דף ה' ע"ב.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.